**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/12/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט רעקארד-הויכע טוריזם ציפערן דורכאויס פולשטענדיגע ליקוי חמה אום אפריל 8**

***פון אפריל 6 ביז אפריל 9 זענען קרוב צו איין מיליאן באזיכער געקומען צו די ניו יארק סטעיט פארקס — א 45 פראצענטיגע העכערונג אין די צאל באזוכן אין פארגלייך צו 2023***

***ניו יארק סטעיט אלימפישע ראיאנישע אנטוויקלונג אויטאריטעט איינריכטונגען האבן ארייננגענומען ספעציעלע געשעענישן צו זעהן די ליקוי חמה, ענטפאנגנדיג מער פון 10,000 באזיכער***

***ניו יארק סטעיט טרו-ווײ אויטאריטעט און ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט האבן רעקארדירט באדייטנדע העכערונגען אין קאר רייזעס***

***אום אפריל 7 און אפריל 8 האט די ניו יארק פאווער אויטאריטעט צוגעשטעלט כמעט טאפלט מיילן פון טשארדזשינג פאר עלעקטרישע קארן אין פארגלייך צו די פאריגע וואך***

***גאווערנער האקול האט באזוכט ניאגרא פאָלס סטעיט פארק צו זעהן די פולשטענדיגע ליקוי חמה; בילדער און רויע ווידעאו זענען פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט רעקארד-ברעכנדע טוריזם ציפערן אין ניו יארק פון אפריל 6 ביז אפריל 9 אזוי ווי באזיכער זענען אנגעקומען פאר די פולשטענדיגע ליקוי חמה. נאענט צו איין מיליאן מענטשן האבן באזוכט ניו יארק סטעיט פארקס פון אפריל 6 ביז אפריל 9 — א העכערונג פון 45 פראצענט אין פארגלייך צו פאריגעס יאר. די ניו יארק סטעיט טרו-ווײ אויטאריטעט און ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (New York State Department of Transportation, NYSDOT) האבן רעקארדירט באדייטנדע העכערונגען אין קאר רייזעס, און די ניו יארק פאווער אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA) האט צוגעשטעלט נאענט צו טאפלט פון די צאל מיילן פון טשארדזשינג פאר עלעקטרישע קארן אין פארגלייך צו די פאריגע וואך. גאווערנער האקול [איז געווען](#) איינע פון די 45,000 באזיכער וועלכע האבן געהאט די איבערלעבעניש פון מאנטאג'ס הימלישע פאסירונג ביי ניאגרא פאָלס סטעיט פארק.

"פון די מאיאסטעטישע ניאגרא פאָלס ביז די מעכטיגע עדיראַנדעק בערג — איז ניו יארק געווען איינס פון די בעסטע פלעצער אויפן ערד צו צוזעהן די הימלישע פאסירונג וואס געשעהט אמאל אין א דור", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר האבן פלאנירט פאר מער פון א יאר צו אויפנעמען א רעקארד-הויכע צאל פון באזיכער דורכאויס די פולשטענדיגע ליקוי חמה, און די פארברייטונגען האבן געהאלפן די געשעעניש אריבערגיין זיכערערהייט און מיט הצלחה."

אין אקטאבער פון 2022 האט גאווערנער האקול צוזאמגערופן אן אינטער-אגענטור איינהייט באשטייענדיג פון אומגעפער צוואנציג סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן זיך צו גרייטן צו אויפנעמען די אריינפלוס פון באזיכער וואס די סטעיט האט ערווארטעט פאר די געשעעניש וואס קומט פאר אמאל אין א דור. ניו יארק סטעיט אגענטורן וואס זענען געווען פארמישט אין די אינטער-אגענטור איינהייט האבן באריכטעט רעקארד-הויכע צאלן פון סערוויסעס צוגעשטעלט פאר איינוואוינער און רייזנדע.

**ניו יארק סטעיט פארקס**
פון אפריל 6 ביז אפריל 9 האבן נאענט צו איין מיליאן באזיכער זיך באוויזן אין ניו יארק סטעיט פארקס צו צוזעהן און פייערן די פולשטענדיגע ליקוי חמה — א העכערונג אין די צאל באזוכן פון מער פון 45 פראצענט אין פארגלייך צו די זעלבע טעג אין 2023. אום אפריל 8 אליין האבן ניו יארק סטעיט פארקס אויפנעמען מער פון 326,500 באזיכער, אן איבער 52 פראצענטיגע שפרינג ארויף אין די צאל באזוכן אין פארגלייך צו לעצטער יאר. 12 סטעיט פארקס זענען אנגעקומען צו די פולע קאפאציטעט אום אפריל 8:

- קאַיוּגע לעיק (סענעקא קאונטי)
- טשימני בלאָפס (וועין קאונטי)
- קראַון פוינט (עסעקס קאונטי)
- קאָמבערלענד בעי (קלינטאן קאונטי)
- פעיר העיווען סטעיט פארק (קאַיוּגע קאונטי)
- דזשאן בראַון פארם (עסעקס קאונטי)
- פוינט אָו ראָש (קלינטאן קאונטי)
- ראבערט ווילי (דזשעפערסאן קאונטי)
- סעלקירק (אסוויגאָו קאונטי)
- סענעקא לעיק (סענעקא קאונטי)
- סאַוטוויק ביטש (דזשעפערסאן קאונטי)
- סטאָוני ברוּק סטעיט פארק (סטיוּבען קאונטי)

גאווערנער האקול האט געעפנט קעמפינג שטחים אין די סטעיט פארקס וועלכע האבן זיך געפונען אין די ראיאן וואו די ליקוי חמה איז געווען פולשטענדיג כדי צו אקאמאדירן באזיכער פאר די פולשטענדיגע ליקוי חמה, און 100 פראצענט פון די פלעצער זענען געווען רעזערווירט פאר די נאכט פון אפריל 7 און 93 פראצענט זענען געווען רעזערווירט פאר די נאכט פון אפריל 8. צו אויפנעמען באזיכער, האט די **ניו יארק סטעיט פארקס און היסטארישע ערטער** (New York State Parks and Historic Sites) אפגעהאלטן מערערע פארזאמלונגען צו זעהן די ליקוי חמה אום אפריל 8. אין צוגאב האבן וויסנשאפטלער, עקספערטן אין דעם נושא און אסטראנאטן פון די נאציאנאלע לופט און חלל אדמיניסטראציע ( National Aeronautics and Space Administration, NASA) דורכגעפירט פראגראמען און אויסשטעלונגען ביי ניאגרא פאָלס סטעיט פארק דורכאויס אפריל 8.

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט**
אום אפריל 7 און אפריל 8 האט די ניו יארק סטעיט פאווער אויטאריטעט באריכטעט אז EVolve סטאנציעס האבן געטשארדזשט קארן פאר איבער 260,000 מייל צו דרייווען — דאס איז איבער 115,000 מער מייל ווי די זעלבע טעג פאריגע וואך.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט**
ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט איינגעשטעלטע און מיטלען זענען געווען פולשטענדיג אין דינסט זיך דערנענטערנדיג צו- און דורכאויס די ליקוי חמה, נאכפאלגנדיג די טראפיק אומשטענדן, זיך אפרופנדיג צו עמערדזשענסיס און העלפנדיג דרייווערס אנקומען צו זייערע דעסטינאציעס זיכערערהייט און מיט ווי ווייניגער פארשפעטיגונגען. ווי ערווארטעט האט ניו יארק סטעיט געזעהן מעסיגע ביז שווערע

טראַפיק מאסן אין געוויסע געגנטער אריבער דעם ראיאן וואו די ליקוי איז געווען פולשטענדיג, באזונדערס אין די נארט קאנטרי און אין די עדיראַנדעקס, און חוץ פון עטליכע עקסידענטן וועלכע זענען שנעלערהייט אדרעסירט געווארן זענען נישט געווען קיינע גרויסע אינצידענטן וואס זענען באריכטעט געווארן.

**ניו יארק סטעיט טרו-ווע אויטאריטעט**
דורכאויס די פינף-טאגיגע צייט אפשניט פון פרייטאג, אפריל 5 ביז דינסטאג, אפריל 9, זענען איבער 5.5 מיליאן טאל באצאלונגען רעקארדירט געווארן. די העכסטע טאג איז געווען דינסטאג, אפריל 9, מיט מער פון 1.2 מיליאן טאל באצאלונגען — א 21 פראצענטיגע העכערונג איבער פאריגעס יאר. גאז פארקויפונגען און אלגעמיינע פארקויפונגען ביי די סערוויס עיריעס האבן זיך כמעט געטאפלט דורכאויס דעם סוף וואך פון די ליקוי חמה, מיט די העכסטע טאג זייענדיג דינסטאג, אפריל 9, ענליך צו א זומערדיגע סוף וואך פון רייזעס. אין צוגאב זענען טשארדזשינג סעסיעס ביי די EV טשארדזשינג סטאנציעס געוואקסן מיט איבער 111 פראצענט אין פארגלייך צו וואכן טעג אין מערץ.

**ניו יארק סטעיט אלימפישע ראיאנישע אנטוויקלונג אויטאריטעט**
ניו יארק סטעיט אלימפישע ראיאנישע אנטוויקלונג אויטאריטעט (Olympic Regional Development Authority) איינריכטונגען האבן אויפגענומען מער פון 10,000 געסט, אריינרעכנענדיג ביי ווייטפעיס מאונטעין, גאָור מאונטעין, בעלעיר מאונטעין, די אלימפיק סענטער, מאונט ווען האָווענבערג און די אלימפיק דזשאָמפינג קאמפלעקס. אלע פון די איינריכטונגען זענען געווען אפן פאר צוטריט צו זעהן די ליקוי חמה אום אפריל 8, און ספעציעלע געשעענישן זענען אפגעהאלטן געווארן פאר באזיכער. די זאלן ווערן הויפטזעכליך גענוצט פאר באזיכער אטראקציעס, פארוויילונג, טרעניררונג און פארמעסטן.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס**
בשותפות מיט די ניו יארק סטעיט פארקס אפיס, האט די ניו יארק סטעיט אפיס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס (Information Technology Services, ITS) באדייטנד פארבעסערט די דיגיטאלע אינפראסטרוקטור אינערהאלב ניאגרא פאָלס סטעיט פארק אלס טייל פון א גרויסארטיגע איניציאטיוו וואס האט פארמישט דאס באנוץ פון א גאר שטארקע, שטאנדהאפטיגע און שנעלע נעטווארק צו פארבעסערן די ערפארונגען פון באזיכער. אין צוגאב האבן ITS ארבייטער זיך געפונען אויפן ארט בעפאר און דורכאויס די געשעעניש צו פארזיכערן די הצלחה.

**צייטווייליגער ניו יארק סטעיט פארקס אפיס קאמישאנער, רענדי סימאָנס, האט געזאגט,** "וואספארא געוואלדיגער טאג איז דאס געווען! מענטשן פון ארום די וועלט זענען געקומען צו אונזערע פארקס און היסטארישע ערטער צו מיטטיילן א פולשטענדיגע ליקוי חמה וואס געשעהט אמאל אין דאס לעבן. הונדערטע טויזנטע מענטשן האבן גענאסן פון א רייכע, אומפארגעסליכע ערפארונג א דאנק די שווערע ארבעט פון אונזערע אייגעשטעלטע און פון די פארק פאליציי אין לויף פון א צוויי-יעריגע צייט אפשניט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס פירערשאפט און אזוי אויך פאר די הילף פון אונזערע סטעיט און לאקאלע שותפים פארן מאכן די געשעעניש פאר א געוואלדיגע הצלחה."

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "ברייטע צוזאמענארבעט פארלאנגט זיך אפט כדי צו מאכן דאס אויסערגעווענטליכע פאסירן, און א דאנק אן אונטערנעמונג דורך מערערע אגענטורן צוזאמען, מיט גאווערנער האקול ביים שפיץ, איז די ליקוי חמה די וואך געווען א ריזיגע הצלחה פאר ניו יארק סטעיט. מענטשן אריבער די סטעיט האבן זיך איינגעהערט צו די ווארענונגען, אנקומענדיג פרי און בלייבנדיג ביז שפעט צו געניסן פון די פילע וואונדערס וואס די עמפייער סטעיט האט צו אפפערן. אין צווישן האבן מענטשן געהאט די געלעגנהייט צו איבערלעבן א נאטורליכע געשעעניש וואס איז באמת געווען נישט פון די וועלט. די טעג, וואכן און חודשים פון פלאנירונג האבן זיך גוט געלוינט, און איך בין געווען גאר שטאלץ מיט די ראלע וואס די NYSDOT מאנשאפט האט געשפילט אין די געשעעניש וואס קומט פאר אמאל אין א דור."

**טרו-ווער אויטאריטעט צייטווייליגער עקזעקיוטיוו דירעקטאר, פרענק ג. האור, עסקווייער, האט געזאגט,** "פארברייטונגען פאר די ליקוי חמה האבן זיך אנגעהויבן מער פון א יאר צוריק, און די גרונטליכע פלאנירונג האט זיך ארויסגעוויזן צו זיין ערפאלגרייך אזוי ווי עס זענען נישט געווען קיינע גרויסע שטערונגען אויף די טרו-ווער סיסטעם אריבער די סטעיט. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און איר אדמיניסטראציע פארן אנפירן א צוזאמענארבעטנדע אונטערנעמונג צווישן מערערע אגענטורן וואס האט צוזאמגעברענגט די פארמישטע קערפערשאפטן כדי צו אהערשטעלן אן ערפארונג וואס איז געווען אומפארגעסליך אין פילע וועגן. איך וויל אויך אויסדרוקן מיין דאנקבארקייט פאר די צאללאזע מענטשן וועלכע זענען געפארן זיכערערהייט דורך די טרו-ווער סיסטעם צו צוזעהן די ליקוי חמה, זיך איינהערנדיג צו די ראט צו אנקומען פרי און בלייבן שפעט ביי די לאקאציעס וואו זיי זענען געגאנגען קוקן."

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דזשאָסטין ע. דריסקאל, האט געזאגט,** "די ניו יארק פאווער אויטאריטעט'ס ניאגרא און סעינט לאורענס היידראָו-פּאַווער פלענטס געפונען זיך ביידע אין דעם ראיאן וואו די ליקוי חמה איז געווען פולשטענדיג, און זייערע באזיכער צענטערן האבן געדינט אלס הויפט ארויסקוק לאקאציעס. ביי NYPA איז דאס אונז געווען א פארגעניגן צו אפפערן פאר באזיכער א פלאץ צו צוזעהן די ערשיינונג וואס קומט פאר אמאל אין דאס לעבן צוזאמען מיט אונז, און אזוי אויך א וועג צו אנקומען אהין. די פאווער אויטאריטעט'ס EVolve NY נעטווארק פון EV טשארדזשינג סטאנציעס האט געהאלפן זיכער מאכן אז EV דרייווערס זאלן קענען רואיג פארן צו מערב ניו יארק און צו די נארט קאנטרי פאר די באגייסטערנדע געשעעניש."

**ניו יארק סטעיט טשיעף אינפארמעישען אפיסער, דרו ּרעי, האט געזאגט,** "די אפיס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס איז שטאלץ צו האבן געבויט די פלינקע און שטאנדהאפטיגע טעכנאלאגיע נעטווארק וואס האט ערלויבט טויזנטע באזיכער, פאר די נאציאנאלע לופט און חלל אדמיניסטראציע (National Aeronautics and Space Administration, NASA) און פאר פרעסע מיטגלידער צו ברענגען די געוואלדיגע ערפארונג וואס קומט פאר אמאל אין דאס לעבן צו די וועלט. סטעיט רעגירונג ארבעט דאס בעסטע ווען מיר ארבעטן צוזאמען, און מיר זענען געווען באגייסטערט ביז גאר זיך צו אנשליסן מיט אונזערע שותפים צו שפילן א וויכטיגע ראלע אין די היסטארישע געשעעניש פאר ניו יארק."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן